יעדער איז געלאדענט דא

# א וועגווייזער צו ברוקלין פובליק לייברערי

## ביבליאטעק קארטן

ביבליאטעק קארטן זענען פאר יעדעם און זענען אומזיסט. איר קענט נוצן אייער קארטל צו בארגן פיזישע מאטעריאל, אי-ביכער און אודיא-ביכער, און האבן צוטריט צו אנליין לערנען הילפסמיטלען. איר קענט עס אויך נוצן צו רעזערווירן א קאמפיוטער, דרוקן, און מאכן קאפיעס. איר קענט נוצן אייער קארטל ביי סיי וועלכע געגנט אפטיילונג אין ברוקלין.

***bklynlibrary.org/use-the-library***

***bklynlibrary.org/locations***

## בארגן מאטעריאלן

איר קענט בארגן ביז 50 פיזישע ארטיקלען, און ביז 20 דאונלאודעבל טיטלען (אי-ביכער און אודיא-ביכער) אויף איין מאל. איר קענט בארגן ביכער, אי-ביכער, די-ווי-דיס, און סידיס פאר דריי וואכן. איר קענט בארגן מאגאזינען פאר איין וואך. איר קענט באנייען א פיזישע ארטיקל ביז 15 מאל אזוי לאנג ווי קיינער ווארט נישט דערויף.

***bklynlibrary.org/borrow***

## רעזערווירן מאטעריאלן

איר קענט לייגן א האלד אויף סיי וועלכע ארטיקל דורך באזוכן אדער אריינרופן די ביבליאטעק, אדער דורך אריינלאגן אין אייער אקאונט אנליין. מיר וועלן שיקן פיזישע ארטיקלען צו סיי וועלכע ברוקלין פובליק ביבליאטעק אפטיילונג. די ביבליאטעק וועט אייך אימעילן, טעקסטן אדער רופן ווען אייער ארטיקל איז גרייט. איר האט זיבן טעג אפצונעמען אייער מאטעריאלן.

***bklynlibrary.org/my-account***

## צוריקגעבן מאטעריאלן

ווען איר טשעקט ארויס פיזישע ארטיקלען, וועט אייער רעסיט אויסרעכענען די דאטומען ווען מען דארף צוריקגעבן אייערע מאטעריאלן. די ביבליאטעק וועט אויך שיקן מעלדונגען ווען איר דארפט צוריקגעבן אדער האט פארשפעטיגט צוריקצוגעבן אייערע מאטעריאלן. דערמאנונגען ווערן געשיקט דורך אימעיל, טעקסט אדער טעלעפאן. איר קענט איבערקוקן די צייט(ן) צוריקצוגעבן אייערע ארטיקלען, ווי אויך אפדעיטן אייער מעלדונג פארצוגן, דורך אריינלאגן ביי *bklynlibrary.org/my-account*

געבט צוריק אייער ביבליאטעק מאטעריאלן צו סיי וועלכע ברוקלין פובליק ביבליאטעק אפטיילונג בשעת ביזנעס שעות. אסאך אפטיילונגען האבן אויך דרויסנדיגע פלעצער אפצוגעבן ביכער, אזוי אז איר קענט צוריקגעבן מאטעריאלן אפילו ווען די אפטיילונג איז פארמאכט.

***bklynlibrary.org/my-account***

***bklynlibrary.org/locations***

## קאסטן און פארלוירענע מאטעריאלן

מיר וועלן נישט פאדערן טעגליכע געלט-שטראפן, אבער ארטיקלען וואס ווערן נישט צוריקגעגעבן ביז 14 טעג פון זייער לעצטער טערמין וועלן ווערן גערעכנט פארלוירן. איר וועט ווערן געפאדערט די ערזעצונג קאסטן פון די ארטיקל. מיר וועלן אראפנעמען די קאסטן ווען די ארטיקל ווערט צוריקגעגעבן.

איר קענט מער נישט בארגן קיין פיזישע ארטיקלען ביז די קאסטן ווערן אראפגענומען. איר קענט באצאלן קאסטן ביי סיי וועלכע ברוקלין פובליק ביבליאטעק אפטיילונג מיט קעש, קרעדיט קארטל, אדער טשעק, אדער אנליין מיט א קרעדיט/דעביט קארטל.

***bklynlibrary.org/fees***

Bklyn Public Library

פאר א גאנצע ליסטע פון ביבליאטעק פאליסיס,
באזוכט אונז אנליין ביי ***bklynlibrary.org/borrow***

## פראגראמען

ברוקלין פובליק ביבליאטעק שטעלט צו פארשידענע אומזיסטע פראגראמען פאר יעדע עלטער.

**ערוואקסענע פראגראמען**

- לערנט ענגליש מיט ESOL (ענגליש צו די וועלכע רעדן אנדערע שפראכן) און שמועסן גרופעס
- ארבעט און קאריער הילף
- ליינען און שרייבן קלאסן
- אימיגראציע לעגאלע הילף
- קאמפיוטער קלאסן
- הויך שולע עקוויוועלענסי קלאסן

**יוגנט און פאמיליע פראגראמען**

- פיל-שפראכיגע ערציילונג צייט
- ליינען און לערנען פראגראמען פאר בעיביס, קליינווארג און שולע-יארגאנג קינדער
- היימארבעט הילף
- קולטורישע אווענטן
- יוגנט וואלונטיר געלעגנהייטן
- צענערלינג טעכנאלאגיע פראגראמען

***bklynlibrary.org/calendar***

## שטאב און סערוויסעס

ברוקלין פובליק לייברערי שטאב וועט:

- צושטעלן א אויפנעמונג פלאץ
- באשיצן אייער פערזענליכע אינפארמאציע
- באהאנדלען אלע קונדן גלייך, איידל און מיט כבוד
- אייך העלפן טרעפן ריסאורסעס און אינפארמאציע
- יעדעם צושטעלן סערוויסעס אפגעזען פון עלטער, ראסע, עטניסיטי, גלויבונג, מין, אימיגראציע סטאטוס, געשלעכטליכע אויסשטעל, און/אדער פיזישע מעגליכקייט




פאר א גאנצע ליסטע פון אונזער ביבליאטעק פאליסיס, באזוכט ***bklynlibrary.org/policies***

## פראגעס און ענטפערס

**וויאזוי באקום איך צוטריט צו מיין אקאונט?**
לאגט אריין מיט אייער בארקאוד און פין אויף אונזער וועבזייטל, דורך נוצן אייער מאביל עפפ, אדער ביי די זעלבסט-טשעק קיאסק ביי סיי וועלכע ברוקלין פובליק לייברערי אפטיילונג.



**וואס איז מיין ביבליאטעק פין?**
אייער אויטאמאטישע פין איז אייער געבורטס דאטום, מיט צוויי נומערן פאר די מאנאט און צוויי נומערן פאר די טאג. צום ביישפיל, אויב אייער געבורטסטאג איז אקטאבער 13, איז אייער אויטאמאטישע פעסווארד 1013.

**קען איך נוצן א קאמפיוטער ביי די ביבליאטעק?**
יא, רעזערווירט א קאמפיוטער סעסיע מיט אייער ביבליאטעק קארטל.

**קען איך דרוקן אדער מאכן קאפיעס?**
יא, יעדע שווארצע און ווייסע פאפיר איז $0.10 און יעדע קאלירטע פאפיר איז $0.50. איר קענט דרוקן פון א ביביאטעק קאמפיוטער, אדער שיקן ארטיקלען פון אייער אייגענע דעוויס פאר דרוק אפנעמונג ביי סיי וועלכע ברוקלין פובליק לייברערי אפטיילונג. באזוכט *bklynlibrary.org/print*

**האָט איר ווייפיי?**
יא, איר קענט פארבינדן ווייפיי אומזיסט ביי סיי וועלכע ברוקלין פובליק לייברערי אפטיילונג (איר דארפט נישט קיין ביבליאטעק קארטל). אסאך אפטיילונגען האבן פארברייטערטע ווייפיי סיגנאל אזוי אז איר קענט האבן צוטריט צו אומזיסטע ווייפיי פון אינדרויסן.

**האט איר מאטריאלן אין מיין שפראך?**
זוכט די ברוקלין פובליק לייברערי קאטאלאג אין אייער שפראך אדער וועלט אויס די שפראך וואס איר זוכט ביי *bklynlibrary.org/catalog*

**וויאזוי קען איך טרעפן א פראגראם?**
בעט א שטאב מיטגליד פאר הילף אדער באזוכט *bklynlibrary.org/calendar*

**לויפט א ביבליאטעק קארטל אפ?**
יא, איר וועט עס באנייען יעדע שטיק צייט. באזוכט *bklynlibrary.org/renew*

**וואס איז אויב איך פארליר מיין ביבליאטעק קארטל?**
לאזט וויסן א שטאב מיטגליד דורך אריינרופן אדער באזוכן אייער לאקאלע ביבליאטעק, אדער באזוכט *bklynlibrary.org/contact*

Bklyn Public Library